בעזהשי"ת






## דִינֵי וּמִנְהֲגֵי

# יְמֵי הַפּוּרִים



## כִּתָּה ב'





נערך ע"י המחנך ר' א. אהרן פילטשיק

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

# דִינֵי וּמִנְהָגֵי פּוּרִים

## עֶרֶב פּוּרִים

### א) תַּעֲנִית אֶסְתֵּר



י"ג אֲדָר אִיז אַ פַאסְט טָאג תַּעֲנִית אֶסְתֵּר צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אֶסְתֵּר הָאט גֶעבֶעטִין מָרְדְכַי אַז אַלֶע אִידֶען זָאלִין פַאסְטִין.

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiyo.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

*ב)מַחֲצִית הַשֶׁקֶל*

תַּעֲנִית אֶסְתֵּר פַאר מִנְחָה גִיבְּט יֶעדֶער טַאטֶע אַ "מַחֲצִית הַשֶׁקֶל" פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה מְ'פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבִּין דְרַיי הַאלְבֶּע שְׁקָלִים.




• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

# פּוּרִים בַּיי נַאכְט

*ג) מַעֲרִיב*

מֶען טוּט זִיךְ אָן שַׁבָּת'דִיקֶע קְלֵיידֶער לִכְבוֹד פּוּרִים אוּן מֶען נֶעמְט דִי מְגִילָה וֶוען מְ'גֵייט צוּם שׁוּל פַאר מַעֲרִיב.

*ד) עַל הַנִּסִּים*




אוֹיף פּוּרִים זָאגְן מִיר "עַל הַנִּסִּים" "בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר" דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאגְן "עַל הַנִּסִּים"

אחיה ידע
• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

### ה)קְרִיאַת הַמְגִילָה

נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאגְט דֶער חַזָן קַדִישׁ אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה.

### ו) פִּרְסוּמֵי נִיסָא

מִיר לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִין שׁוּל וֶוען אַלֶע זֶענֶען דָארְט אַז אַלֶע זָאלִין הֶערִין דִי מַעֲשֶׂה אוּן דִי נִיסִים פוּן דֶער אוֹיבִּישְׁטֶער פַאר דֶעם זֶענֶען אַפִילוּ דִי פְרוֹיעֶן מְחוּיָב צוּ הֶערִין דִי מְגִילָה אוּן דִי קִינְדֶער



לֶערִינְט מֶען אוֹיס צוּ אוֹיךְ אַייְנְהֶערִין צוּם מְגִילָה.

אחיה ידע
• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

*ז) אִגֶרֶת - בְּרִיוו*



דִי מְגִילָה וָואס דֶער
בַּעַל קוֹרֵא לֵיינְט מַאכְט
מֶען אַזוֹי וִוי אַ לַאנְגֶע
בְּרִיוו וַוייל אַזוֹי רוּפְט
מֶען עֶס אִין דִי מְגִילָה
אִגֶרֶת - בְּרִיוו

*ח) בְּרָכוֹת*




דֶער בַּעַל קוֹרֵא מַאכְט
דְרַיי בְּרָכוֹת 1. עַל
מִקְרָא מְגִילָה 2. שֶׁעָשָׂה
נִיסִים. 3. שֶׁהֶחֱיָינוּ

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

### ט) נִישְׁט רֶעדִין

מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדִין פוּן וֶוען מְ'הֵייבְּט אָן לֵיינֶען בִּיז מְ'עֶנְדִיקְט אוּן



אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט פַארְפֶעלִין אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטִיל אוּן אַרַיין קוּקֶען אִין אַ מְגִילָה אָדֶער אַ סֵפֶר פוּן מְגִילָה אַ גַאנְצֶע צַייט.

### י) קְלַאפִּין הָמָן



יֶעדֶער מָאל וָואס דֶער בַּעַל קוֹרֵא זָאגְט דֶער נָאמֶען הָמָן הֵייבְּט מֶען אָן קְלַאפִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אוֹיסְמֶעקִין הָמָן וָואס קוּמְט פוּן עֲמָלֵק אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבִּין נִישְׁט שְׁטֶערִין צוּ לֵיינֶען וַוייטֶער.

### יא) פִיר פְּסוּקִים

עֶס אִיז דָא פִיר פְּסוּקִים וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט הוֹיךְ אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט זֵיי דֶער בַּעַל קוֹרֵא 1.אִישׁ יְהוּדִי 2.וּמָרְדֳּכַי יָצָא 3. לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה 4.כִּי מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי.

### יב) בַּלַּיְלָה הַהוּא

וֶוען מְ'קוּקְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער "בַּלַּיְלָה הַהוּא" הֵייבְּט אוֹיף דֶער בַּעַל קוֹרֵא זַיין שְׁטִימֶע וַוייל פוּן דָא הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי נֵס

### יג) עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן

| | |
|---|---|
| אִישׁ | וְאֵת |
| פַּרְשַׁנְדָּתָא | וְאֵת |
| דַּלְפוֹן | וְאֵת |
| אַסְפָּתָא | וְאֵת |
| פּוֹרָתָא | וְאֵת |
| אֲדַלְיָא | וְאֵת |
| אֲרִידָתָא | וְאֵת |
| פַּרְמַשְׁתָּא | וְאֵת |
| אֲרִיסַי | וְאֵת |
| אֲרִדַי | וְאֵת |
| וַיְזָתָא | עֲשֶׂרֶת |

וֶוען מֶען לֵיינְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער פוּן הָמָן דַארְף מֶען זָאגְן אַלֶע נֶעמֶען אִין אֵיין אָטֶעם.

אחיה ידע
• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiyo.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

### יד) הַבְּרָכוֹת

נָאךְ דִי מְגִילָה זָאגְט מֶען "הָרָב אֶת רִיבֵנוּ" "אֲשֶׁר הֵנִיא", אוּן "שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב" אוּן מֶען עֶנְדִיקְט מַעֲרִיב.

### טו) סְעוּדַת פּוּרִים

נָאכִין דַאוֶוענֶען גֵייט מֶען אַהֵיים אוּן מֶען עֶסְט אַ סְעוּדָה לִכְבוֹד פּוּרִים אוּן בַּיים בֶּענְטְשִׁין זָאגְט מֶען "עַל הַנִיסִים" נָאךְ "נוֹדֶה לְךָ"



# פּוּרִים בַּיי טָאג

*טז) שַׁחֲרִית*

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי טוּט מֶען זִיךְ אָן יוֹם טוֹב'דִיג אוּן מְ'גֵייט צוּם שׁוּל מִיט דִי מְגִילָה

מְ'לֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" אוּן גְלַייךְ נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה לֵיינְט מֶען דִי מְגִילָה.

*יז)* מִצְווֹת הַיּוֹם

פַאר דִי מְגִילָה וֶוען דִי בַּעַל קוֹרֵא זָאגְט דִי בְּרָכָה פוּן "שֶׁהֶחֱיָינוּ" דַארְף מֶען טְרַאכְטִין



אַז דִי בְּרָכָה אִיז פַאר אַלֶע מִצְווֹת פוּן פּוּרִים 1. מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים 2. סְעוּדַת פּוּרִים 3. מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת 4. קְרִיאַת הַמְגִילָה.

יח) *קְרִיאַת הַמְגִילָה*

מְ'לֵיינְט דִי מְגִילָה אַזוֹי וִוי בַּיי נַאכְט אָבֶער נָאךְ דִי מְגִילָה זָאגְט מֶען נָאר " הָרָב אֶת רִיבֵנוּ" אוּן "שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב" אוּן מְ'עֶנְדִיגְט שַׁחֲרִית.

יט) *מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת*



יֶעדֶער אֵיינֶער שִׁיקְט צוּ זַיין פְּרַיינְד "מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת" וָואס דָאס אִיז צְוֵויי זַאכְן וָואס יֶענֶער קֶען עֶסְן לִכְבוֹד פּוּרִים,

אוּן מְ'שִׁיקְט עֶס מִיט אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מְגִלָה וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

*כ)מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים*

יֶעדֶער אֵיינֶער גִיבְּט אוֹיף פּוּרִים צְוֵויי מַתָּנוֹת צוּ דִי אָרִימֶע מֶענְטְשִׁין אוּן עֶס מוּז זַיין כָּאטְשׁ פַּאר צְוֵויי אָרִימֶע מֶענְטְשִׁין, אָבֶּער מִיר גֶעבִּין פַּאר יֶעדֶער וָואס עֶס בֶּעט וַוייל עֶס שְׁטֵייט אַז פּוּרִים ״כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ״ יֶעדֶער וָואס שְׁטְרֶעקְט אַ הַאנְט גִיבְּט מֶען עֶם״



אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיב אוּנְז שְׁטֶעקִין אַרוֹיס אוּנְזֶער הַאנְט צוּם אוֹיבִּישְׁטֶער וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבִּין וָואס אוּנְז בֶּעטִין.

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

*כא) מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה*

פּוּרִים בַּיי טָאג עֶסְט מֶען אַ סְעוּדָה לִכְבוֹד



פּוּרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט

אַסַאךְ וַויין בִּיז מְ׳וֵוייסְט

נִישְׁט צְווִישֶׁען "אָרוּר

הָמָן אוּן בָּרוּךְ מָרְדְכַי"

אוּן מְ׳זִינְגְט אוּן

מְ׳טַאנְצְט אוּן מְ׳אִיז פְרֵייְלַאךְ לִכְבוֹד פּוּרִים.

*כב)* פַּארְשְׁטֶעלִין



דִי קִינְדֶער פַּארְשְׁטֶעלִין

זִיךְ אוֹיף פּוּרִים אוּן מִיט

דֶעם וַוייזְן זֵיי דִי

שִׂמְחָה.

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

### כג) קְדוּשַׁת הַיּוֹם

פּוּרִים אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן אַ גְרוֹיסֶע טָאג אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרָאבִּירְט צוּ פַּארְנֶעמִין אוּנְזֶער קָאפּ מִיט אַסַאךְ נַארִישֶׁע זַאכִין, דַארְפִין מִיט זֶען אַרַיין כַאפִּין דִי מִצְוֹות אוּן שִׂמְחָה פוּן פּוּרִים אַז עֶס זָאל בְּלַייבִּין אוֹיף אַ גַאנְצֶע יָאר אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר-בֵּית אַהֲרֹן אַזוֹי וְוִי מְ׳אִיז פּוּרִים אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין לֵיל שִׁימוּרִים (פֵּסַח) אוּן אַזוֹי וְוִי מְ׳אִיז לֵיל שִׁימוּרִים אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין יוֹם כִּיפּוּרִים.

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

אוֹרָה אוֹרָה אוֹרָה

וְשִׂמְחָה

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן

וִיקָר:

וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ

הַיְּהוּדִים

אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים

הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

בעזהשי"ת

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

אַהוֹי

לַיְּהוּדִים לַיְּהוּדִים לַיְּהוּדִים לַיְּהוּדִים

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר

לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

אחיה ידע

שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה

בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי

תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח

וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח

וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

אַהוֹי

לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קֹוֶיךָ לֹא יֵבוֹשׁוּ וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח

כָּל הַחוֹסִים בָּךְ. אַהוֹי אַהוֹי

"אָרוּר הָמָן" "אָרוּר הָמָן" אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי

בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת

מַפְחִידִי בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי

אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים וְגַם

חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב:

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר דָאךְ בָּרוּךְ׃
פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר דֶער דִין
פוּן אוּנְזֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ׃

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר דָאךְ אַתָּה
פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר דֶער דִין
פוּן אוּנְזֶער טַאטִינְס׳ טַאטֶע.

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר אֱלוֹקֵינוּ׃
פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר דֶער דִין
פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ׃

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר דָאךְ מֶלֶךְ׃
דֶער וָואס קֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען אַ גְלֶעזִיל
אִיז אַ גְרוֹיסֶע לֶמֶךְ׃

אחיה ידע
• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר דָאךְ הָעוֹלָם
דֶער וָואס קֶען קַיין בְּרָאנְפִּין נִישְׁט טְרִינְקֶען
אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע גוֹלָם

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר שֶׁהַכֹּל
אוּן אַז אִיךְ נֶעם דִי גְלֶעזִיל אִין מַיין הַאנְט
מַאךְ אִיךְ פוּן אִיר אַ סַךְ הַכֹּל

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר שֶׁנִהְיֶה
דֶער וָואס קֶען קַיין בְּרָאנְפִּין נִישְׁט טְרִינְקֶען
אִיז דָאךְ גָארְנִישְׁט קַיין בְּרִיֶה.

אִיבֶּער דֶער קְלֵיין גְלֶעזַאלֶע מַאכִין מִיר בִּדְבָרוֹ
אוּן אַז אִיךְ וֶועל טְרִינְקֶען דֶער גְלֶעזִיל
גִיט מִיר נִישְׁט קַיין הֶעָרֶה.

אחיה ידע
• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע

סְ׳ שׂוֹין צַייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען, צוּ טְרַאכְטֶען, אוּן צוּ טָאן
גְרֵייטֶען אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע טָאג, וָואס קוּמְט בַּאלְד אָן **X2**

נָאךְ אַ פָּאר וָואכִין מֶען גִיט זִיךְ נָאר אַ קֶער
קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד דִי גְרוֹיסֶע פוּרִים, שִׂמְחָה מֶער אוּן מֶער **X2**

אַהַא אַהַא
דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן שִׂמְחָה
אוֹיסְמֶעקִין עַמָלֵק, אִינְגַאנְצֶען מָחֹה תִּמְחֶה **X2**

נָאךְ אַ פָּאר וָואכִין מֶען גִיט זִיךְ נָאר אַ קֶער
קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד דִי גְרוֹיסֶע פוּרִים, שִׂמְחָה מֶער אוּן מֶער **X2**

• לקבצים נוספים במאגר שלנו: yeda@achiya.org.il • אחיה-המרכז הרב תחומי להצלחת הילד • למידה • הכשרה • טיפול • ידע
אחיה ידע

# תפזורת פורים

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | ק | א | ד | ר | ר | מ | א | מ | א | ע | פ | ר | ה | כ |
| ט | ר | ס | ש | ר | ב | י | ט | א | ח | ש | ו | ר | ו | ש |
| ו | ש | ת | י | ל | ח | ח | פ | ל | מ | ר | ר | ש | צ | ו |
| ל | פ | ר | י | נ | ג | ל | כ | צ | ג | פ | י | צ | ט | ש |
| נ | ו | ל | ד | ה | ת | ה | ש | י | ד | א | א | ה | מ | ן |
| ר | י | כ | א | מ | ר | ד | כ | י | ל | ס | ב | י | ח | ה |
| ו | ח | כ | ס | י | ש | ח | ל | ט | ש | ט | ר | ה | נ | ב |
| ח | צ | ה | י | ח | ר | א | ט | א | א | י | ם | ו | ח | י |
| ה | א | י | י | נ | ל | א | ד | נ | ע | ן | י | ד | ו | ר |
| ק | ל | ע | י | ן | ס | ש | ר | ו | ג | ג | ז | י | ר | ה |
| ו | ו | ש | ב | מ | כ | ח | ר | ב | ו | נ | ה | ם | ד | ל |
| ד | ו | ה | ו | י | ה | א | ו | ל | ש | ו | ו | ת | ו | ש |
| ש | ז | ב | ק | ס | פ | ר | ה | ז | כ | ר | ו | נ | ו | ת |
| ה | מ | ן | י | ט | ם | מ | ג | י | ל | ה | ב | ו | ס | י |
| ב | ג | ת | ן | ז | ה | ת | ך | ו | נ | ה | פ | ך | ז | ק |

אחשורוש. שטול. מאלצייט. שושן הבירה. מרדכי. המן. ושתי. אסתר. בגתן. תרש. בוקין. פור. אדר. רינגל. גזירה. התך. פאסטין. רוח הקודש. שרביט. איינלאדנען. ספר הזכרונות. ככה יעשה. מיסט. חרבונה. ונהפך. ליהודים. מגילה.